וואס איז געשען טאמער ס'איז געווארן א לאכעדיגע כותל? שטימט? גייט. איז בעצם די הלכה פון פרצה אין יעדע מחיצה, **אם היתה פרצה עד עשר אמות**, ביז צען אמות, קען מען מאכן צוויי עירובין. וואס מיינט צוויי עירובין? אפשר גאר פסח. זעסטו דא, א פסח איז א הלכה אז מען קען, ס'איז די מיטעלסטע קעיס. אויב איז **יותר מעשר**, א פרצה יותר מעשר איז נישט קיין פסח, ס'הייסט אויס וואנט. דעמאלטס **מערבין עירוב אחד**, אזוי ווי איין חצר וואלט געהאט צוויי ערטער וואס ס'האט נישט נארמאל קיין ווענט, ווייל ס'איז מבטל די וואנט.

און וויאזוי איז מען ממעט די פרצה? **עושה פרצה פחות מעשר, רבי אומר השלימה ליתר מעשר**, ער וויל משלים זיין די פרצה אז ס'זאל זיין מער ווי צען און מ'זאל מוזן מאכן איין עירוב, איז **חוקק בכותל גובה עשרה טפחים, מערבין עירוב אחד**. ער דארף נאר צען טפחים, דאס הייסט ס'קען בלייבן פון אויבן אדער פון אונטן, למשל פון אויבן קען בלייבן דאך א חלק פון די וואנט, אבער ווי לאנג ס'האט צען טפחים איז פרוץ, דעמאלטס הייסט עס אז ס'איז נפרץ, און מ'דארף מאכן איין עירוב.

אבער דאס איז נאר ווען ס'איז דא א פרצה, ס'איז שוין דא א פרצה, ער וויל עס נאר גרעסער מאכן כדי ס'זאל הייסן אינגאנצן איין רשות. וואס איז אויב ער וויל לכתחילה **פורץ זיין יותר מעשר מקרן לקרן**? ער וויל לכתחילה, דעמאלטס **צריך להיות גובה הפרצה למעלה**, דעמאלטס איז נישט גענוג אז ס'איז נאר צען טפחים, ער מוז אינגאנצן צושטערן די גאנצע וואנט ביז די טאפ.

## Speaker 2:

אקעי.

### סיכום: הלכות כותל וחלון

## Speaker 1:

עד כאן למדנו הלכות כותל. האבן מיר שוין געלערנט הלכות חלון, און הלכות כותל, און אלע מיני וועגן וויאזוי מ'קען אריבערגיין א כותל, א סולם, א מציבה, א בוים, וכו' וכו', אדער קלענער מאכן צען טפחים. דאס איז בעיסיקלי די דריי וועגן וויאזוי מ'קען מאכן אויס כותל, און דאס איז דאס וואס מיר האבן געלערנט ביז יעצט.

### חריץ שבין שתי חצרות

## Speaker 1:

יעצט גייען מיר לערנען, אזוויי מיר לערנען אין גאנץ הלכות שבת, אז ס'איז דא ווען מ'מאכט א רשות וואס גייט ארויף, איז דאס ווי א כותל, און ס'איז דא א רשות וואס גייט אראפ, איז דאס א לאך, א טאל, ווי א חריץ. יא, ס'איז אזא שווערע נאמען פאר אלע טאלן און פאר אלע חריץ. גייען מיר לערנען וועגן א חריץ וואס איז צווישן צוויי חצרות, צו ס'צוטיילט זיי אויף, און וועלכע פון די דריי קעיסעס, פון די דריי הלכות, דאס איז.

איז אזוי, **חריץ שבין שתי חצרות**, א לאך צווישן צוויי חצרות, איז אזוי, ווענדט זיך, אזוווי אלע הלכות רשויות, ווי גרויס די לאך איז. אויב איז דאס **עמוק עשרה ורחב ארבעה או יתר**, יא? ס'איז טיף צען טפחים און ס'איז ברייט פיר טפחים אדער מער פון דעם, דעמאלטס הייסט עס א רשות בפני עצמו, און דעמאלטס צעטיילט עס, **מערבין שני עירובין**, מוז מען מאכן צוויי עירובין, רייט? **פחות מכאן**, אויב ס'איז ווייניגער פון דעם, מוז מען מאכן איין עירוב, **מערבין אחד ואין מערבין שנים**.

### ממעט זיין דעם חריץ

יעצט, דעם חריץ, וואס איז אויב מ'וויל קלענער מאכן דעם חריץ כדי מ'זאל קענען מאכן איין עירוב? עס ווענדט זיך אין וואס מ'מאכט עס מיט. **ואם מיעט עומקו בעפר או בצרורות**, ער לייגט אריין זאמד אדער שטיינדעלעך, דעמאלטס **מערבין אחד ואין מערבין שנים**. פארוואס? **שסתם עפר וצרורות שבחריץ מבוטלין הן**. ווען א מענטשווארפט אריין שטיינדעלעך אדער זאמד אין א חריץ, ווערט עס טאקע בטל. ממילא האט עס קלענער געמאכט דעם חריץ, יא? ממילא מוז מען מאכן איין עירוב, ווייל ס'איז שוין נישט קיין מחיצה, ס'איז שוין גארנישט אינצווישן.

**אבל אם מילאו תבן או קש**, אויב ער לייגט אריין שטרוי - תבן איז פארט פון די שטרוי, קש איז די אנדערע סארט - דעמאלטס **אין ממעטין עד שיבטל**, דעמאלטס מוז ער דירעקט זאגן אז **הריני מבטל את התבן**, ווייל תבן קען זיין אז ס'ליגט אין די לאך, און ער וועט עס אויפעסן, און ס'וועט בלייבן מיט א לאך. אקעי, איך מיין אז דאס איז שוין א טעכנישע שאלה. די פוינט איז, אז בסתם איז א מענטש נישט מבטל די תבן צו די לאך, איז דאך דא א לאך פון צען טפחים, רייט?

וויאזוי נאך קען מען ממעט זיין? די פריערדיגע פראבלעם אז די קש גייט זיין אזוי פלאפי און מ'גייט זיך אויסגליטשן איז נישטא דא, יא, ווייל ס'פילט אן א לאך. יא, יא, דאס איז נאר א פראבלעם ווען מ'וויל לייגן א לייטער. נאר ביי די לייטער איז געווען יענע נושא, רייט?

**וכן**, די זעלבע זאך, **אם מיעט רחבו**, דאס הייסט, מ'קען אויך נישט נאר ממעט זיין די גובה, אריינווארפן אין דעם לאך שטיינדעלעך אדער שטרוי, ער קען ממעט זיין די ברייטקייט. **אם מיעט רחבו בלוח או בקנה שהשיטו באורך כל החריץ**, ער האט געלייגט א שטיק האלץ, א לוח, א ברעט, **או בקנה**, א שטעקן, **באורך כל החריץ**, די גאנצע, איז ווייטער **מערבין אחד ואין מערבין שנים**, ווייל ס'איז געווארן ווייניגער ווי פיר טפחים ברייט.

### דבר הניטל בשבת

יעצט, ווילסטו וויסן אזוי, מיט וואס קען מען ממעט זיין דעם, רייט? דאס הייסט, אויב מען גייט קענען אוועקנעמען דעם - ער לייגט א ברעט, אדער א טיש, אדער וואטעווער, מען קען עס אוועקנעמען שבת - איז אינמיטן עס אוועקנעמען אז עס ווערט צוריק א מחיצה. **בכל דבר הניטל בשבת**, עס איז געווען א סל, א באסקעט פאר א ספל, א די וואס טאטש א שיסל. נישט ספסל, ספסל איז א... ספל איז א...

### הלכות מיעוט מחיצה — בכל דבר הניטל בשבת

יעצט, ווילסטו וויסן אזוי, מיט וואס קען מען מיעוט זיין דעם? רייט? דאס הייסט, אויב מ'גייט קענען אוועקנעמען דעם, ער לייגט א ברעט אדער א טיש אדער וואטעווער, מ'קען עס אוועקנעמען שבת, און מיט'ן עס אוועקנעמען וועט ווערן צוריק א מחיצה, **בכל דבר הניטל בשבת**. ס'איז געווארן א סל, א וואס איז דאס, א ספל? דו ווילסט זאגן א ספל? נישט ספסל. ספל איז א שיסל. אה, עפעס א כלי, אה, וואס איז מטולטל בשבת, וואס זיי האבן געלערנט אין די דברים הקלים שמלאכתן להיתר.

איינמאל מ'ממעט דעם בוים, טאר מען נישט מיעוט זיין דעם, ס'הייסט, ס'ציילט נישט. **אלא אם כן חברה לארץ חיבור שאפשר לשמטו עד שיחפור בדקר**. אויב מ'קאנעקט עס אזוי גוט, אז מ'דארף אנגעבן א גרוב מיט א... אין די דקר, א דקר איז א שאוול. אויב מ'מוז אנגעבן א גרוב מיט א

שאוול, ווייל דאס וועט זיין א מלאכה פון חורש, פון בונה אדער סותר אדער חורש, דעמאלטס הייסט עס מחבר, דעמאלטס איז עס יא א מיעוט אין דעם. יא.

**דיון: דבר שאינו ניטל**

און א דבר שאינו ניטל, וואס איז די חילוק דא? ווייל ס'איז מטולטל, ממילא מעג מען נאר אויב ס'איז מחבר ווייל מ'גייט עס אוועקנעמען. אבער אויב מ'לייגט א מוקצה ווייל מ'גייט עס נישט אוועקנעמען, הייסט עס יא גוט? א ניין, מוקצה וואלט געווען אזוי ווי א דבר שאינו כלי למשל, רייט? עפעס א זאך וואס איז... וואס מ'קען בכלל נישט, נישט קיין כלי שמלאכתו להיתר, נאר א מוקצה מחמת גופו, וואטעווער. א שטיקל האלץ, האבן מיר געלערנט, א מליח וואס איז... מ'טאר עס נישט מטלטל זיין, און ער גייט עס נישט אוועקנעמען שבת. דאך וועגן דעם, ווייל ס'איז פארט פון די דעיס יעצט.

**הלכה יד: לוח איבער א חריץ — דריטע קעיס**

איך מיין, וואס איז טאמער... וואס לערנען אונז יעצט? אה, א נייע זאך. דאס הייסט, ס'איז דא א לאך, און ער וויל מאכן אזוי א ברידזש דערויף. איז אזוי, דאס איז א לוח. סאו דעמאלטס איז עס ענליך צו די דין פון די כותל מיט די סולם. דאס הייסט, ס'איז דא א... דעמאלטס קומט אריין די דריטע קעיס. אז ביז יעצט האבן מיר געלערנט אז אויב ס'איז צען ד"ל עשרה, דעמאלטס מוז מען מאכן צוויי אבער נישט מוז מען מאכן איינס. און יעצט קען מען לערנען אן אופן וואס הייסט אזויווי א פתח, אז ס'איז דא טאקע א מחיצה, ס'איז דא טאקע א מחלק צווישן די צוויי רשויות, אבער מען קען אריבערגיין.

ער איז נישט קיין **לוח שרוחב ארבעה ועל רחבו ארבעה**, ער לייגט אפטס דא אויך א רחב ארבעה, אבער ער לייגט א ברייטע לוח, מען קען אריבער שפאצירן, אזוויי מיר האבן געלערנט ביי די כותלים, רוחב ארבעה וואס הייסט אז מענטשן קענען שפאצירן דערויף. איז דאס איז אזוויי א ברידזש איבער דעם לאך, **מערבין אחד אם רצו מערבין שנים**. דעמאלטס גייט א קעיס אז מען קען, אויב מען וויל קען מען עס רעכענען אלס איינס, און אויב נישט, איז עס נישט.

**הלכות גזוזטראות**

די זעלבע זאך איז די הלכה פון א ברידזש איז נישט נאר ווען ס'איז דא א לאך, נאר אפילו כללא, עני טיים וואס מען מאכט א ברידזש. ס'שטייט **כצוצריות**, דאס הייסט פארטשעס, יא? מיר וועלן שוין לערנען נאך אין שבת די לשון, אנדערע גזוזטראות, גזוזטראות, וואטעווער, בקיצור א פארטש, **זו כנגד זו**, איז **אם יש בה לוח שרחב ארבעה טפחים או יותר, מערבין עירוב אחד, ואם רצו מערבין שנים, זה לעצמו וזה לעצמו**. שטימט? יא.

אבער ביי א גזוזטרא דארף מען וויסן אז ס'הייסט זיך לכתחילה צוויי פארטשעס, דעמאלטס הייבט זיך אן די קעיס אז מען קען מאכן וואס מען וויל. אבער **היו זו למעלה מזו אחת בשוה, או זו למעלה מזו, אחת גבוהה מחברתה**, דאס הייסט אפילו אז ס'איז אזוי, **אם יש ביניהן פחות משלשה טפחים, הרי הן כגזוזטרא אחת**. דעמאלטס אויב ס'איז ווייניגער ווי דריי, קענסטו נישט זאגן אז ס'איז בכלל אנדערע גזוזטראות, ס'איז בכלל די זעלבע, דעמאלטס מוזן זיי מאכן איין עירוב. אבער **אם יש ביניהן שלשה או יותר, מערבין זה לעצמו וזה לעצמו**, חוץ אויב זיי מאכן א ברידזש, יא? דאס איז די הלכה פון...

**סיכום: דריי קעיסעס פון חילוק רשויות**

איז עד כאן בעצם האבן מיר געלערנט הלכות חילוק רשויות, וויאזוי ס'ווערט צעטיילט. מיר האבן געלערנט וועגן א פענסטער, און מיר האבן געלערנט וועגן א כותל, און מיר האבן געלערנט וועגן א לאך. די אלע זאכן האבן מער ווייניגער דריי קעיסעס. דאס הייסט, נישט אלע, א חלון... דאס הייסט, אלע האבן די דריי, ס'וועגדט זיך אנדערע זאכן.

למשל, א גוטע חלון מאכט א יחוד, אם רצו, ס'וועגדט זיך אויב זיי ווילן. און אויב נישט, איז מען סטאק און מ'מאכט צוויי עירובין. א וואנט, א גוטע וואנט מאכט אז מען מוז, אבער אויב ס'איז דא א וועג, יא, א גוטע וואנט מאכט אז מען מוז צעטיילן, אויב ס'איז נישט קיין גוטע וואנט הייסט, וויאזוי הייסט עס, דעמאלטס מוז מען מאכן איין עירוב, אבער אויב ס'איז דא א וואנט וואס ס'איז דא א וועג אריבער, דעמאלטס קען מען וואס מען וויל. און די זעלבע זאך א חריץ, א גוטע חריץ מאכט אז מען מוז מאכן צוויי, א שוואכע חריץ מאכט אז מען מוז מאכן איינס, און א חריץ מיט א ברידזש אדער צוויי פארטשעס מיט א ברידזש, דעמאלטס הייסט וואס מען וויל. עד כאן איז די הלכות.

**הלכה טו: רוחב הכותל — ווען מען באלאנגט דער כותל**

יעצט גייען מיר לערנען וואס איז דער דין פון די רוחב הכותל. שטימט? וועמען באלאנגט די אויבן מחיצה? רייט? נישט פון אויבן, אז ס'איז צוויי חצרות, ווער גייט קענען ניצן די כותל, די שטח הכותל אליין? איז אזוי. יא, שטימט? יא.

**כותל שבין שתי חצרות שהוא רחב, והיו גבוה עשרה טפחים מחצר זו ושווה לקרקע חצר שנייה.** לאמיר טראכטן א סעקונדע, די כותל, אפילו ס'איז א רשות היחיד בפני עצמו, דאס איז נישט קיין פראבלעם, אויב ס'הייסט אז ס'באלאנגט פאר איין חצר, די איינוואוינער פון יענע חצר וועט ארבעטן פאר אונז, רייט? ס'שטייט אונז נישט אז ס'איז אן עקסטערע שטח. די שאלה איז נאר וועמען, יא, רשות היחיד איז דאס, ס'קען דיר נישט, למשל, מיר רעדן אין די קעיס וואס מ'קען נישט, וואס ס'איז צוויי חצרות, מ'קען נישט מערב זייןביידע.

אויב מ'קען מערב זיין ביידע, איז נישט קיין פראבלעם. אויב ס'איז דא לייטערס למשל, וועט מען ביידע מעגן, ווייל ס'איז א רשות היחיד. וועט מען ביידע מעגן, און ס'איז פארט פון די גאנצע גרויסע חצר. אבער טאמער ס'איז נישט, דעמאלטס דארף מען וויסן צו וועלכע חצר באלאנגט עס. שטימט? יא.

**הכלל: תשמיש בנחת**

איז אזוי, בעיסיקלי די תירוץ איז, ווער ס'קען עס גרינגער ניצן, דאס איז די בעיסיק תירוץ. סאו למשל, די ערשטע קעיס איז, ס'איז דא א כותל צווישן צוויי חצרות, א ברייטע כותל וואס מ'קען ניצן, מ'קען שפאצירן דערויף, אבער פון איין חצר איז עס הויך, מ'דארף ארויפקריכן מער ווי צען טפחים, האבן מיר געלערנט אז דאס הייסט אז ס'איז שווער ארויפצוקריכן. אבער פון די אנדערע חצר איז עס גלייך, דאס הייסט די צוויי חצרות ליגן אויף א בארגיגע פלאץ, סאו אויף די אנדערע זייט קומט מען אן גרינגער, איז וואס דער תירוץ איז, דעמאלטס איז פשוט, **נותנין רחבה לבני החצר שעובלין**, מען געט די ברייטקייט פאר דעם חצר וואו ס'איז נישט דא א וועג פון צען טפחים צו קריכן.

די אחרונים האבן מחלק געווען, **הואיל בתשמישו בנחת לאלו ובתשמישו בקושי לאלו**, ס'הייסט מ'קען נוצן ווען ס'איז עשרה טפחים, אבער ס'איז אביסל שווערער, ס'איז ווייניגער געשמאק. איז **נותנין אותו לאלו שתשמישן בו בנחת**, מען געט עס פאר דער וואס ער איז דער משמש, ער קען נוצן דעם רוחב בנחת, ס'איז אים געשמאק.

**וכן חריץ**

די זעלבע זאך איז נישט נאר ביי א כותל, נאר אויך ביי א חריץ, די זעלבע זאך. **וכן חריץ שבין שתי חצרות**, וואס איז **עמוק עשרה טפחים מצד חצר זו**, אבער **שוה לקרקע חצר שנייה**, פון די אנדערע זייט איז עס גלייך. און ווייטער, **נותנין רחבו לחצר ששובלין, לפי שתשמישו נחת לזה וקושי לזה, נותנין אותו לאלו שתשמישן בו בנחת.**

איך מיין אז דאס איז סתם אויך אזוי ביי ימות החול, פארשטייסט? אה, איינער מוז זיך שוין קריגן. איך מיין אז ס'איז דא די הלכות, ס'איז דא די הלכות, איך מיין, און ווער קען איינפלאנצן וכו', אזעלכע סארט זאכן. סאו די וואס זענען נענטער, איך מיין דו גייסט לערנען ערגעץ אין די דרום, יא.

יעצט רעדט מען לגבי די הלכות שבת, אבער פשט איז ס'איז אויך דאס, ווייל יענע מענטשן קענען טאקע קענען נוצן שבת. א גאנצע יאר דארף מען וויסן וואס איז דער הסכם צווישן די צוויי מענטשן. סאו די אנדערע, אזוי ווי דו זאגסט, דארף מען וויסן אין חושן משפט וואס איז די הלכה.

**הלכה טז: ווען קיינער קען נישט ניצן בנחת**

יעצט איז אזוי, ס'איז דא אבער א דריטע קעיס. ס'איז דא אן אופן וואס קיינער קען עס נישט נוצן בנחת. יעדער איינער מוז זיך אביסל מיטשענען כדי צו נוצן דעם רוחב הכותל. דעמאלטס איז וואס דער תירוץ? אזוי, דעמאלטס איז דער תירוץ אז קיינער קען עס נישט נוצן. מ'דארף מאכן אן עקסטערע עירוב. דאס הייסט, מ'מאכט נאר, זיי קענען עס נאך אלץ נוצן, אבער ס'איז איין חצר וואס האט איין עירוב.

**היה הכותל שבין שתי חצרות נמוך מן החצר העליונה וגבוה מן החצר התחתונה,** לאמיר זאגן, ס'הייסט אפשר גלייך, ווייס איך נישט, אבער ס'איז צו נידעריג פון די העכערע און צו הויך פון די נידעריגע. **שבני העליונה משתמשין בו על ידי השלשול,** זיי שלעפן אראפ זאכן, זיי ווארפן אראפ שלשול אדער מיט א שטריק, ווייס איך, דעמאלטס נוצן זיי עס. **ובני התחתונה משתמשין בו על ידי הזריקה,** זיי דארפן ארויפווארפן זאכן. דעמאלטס **שניהן אסורין, או עד שיערבו שתיהן עירוב אחד.** ביידע אסור ביז זיי מאכן איין עירוב וואס איז כולל די ביידע חצרות.

**אבל אם לא עירבו, אין מכניסין מכותל זה לבתים, ואין מוציאין מבתים לכותל זה,** קיינער מעג נישט ניצן דעם רשות. פארוואס? ווייל דאס איז א רשות וואס איז נישט דעם'ס און נישט יענעמ'ס.

**דיון: דער כותל אלס דריטע רשות היחיד**

ווייטער הייסט אז ווי מען טראגט דאס דורך איז נישט א פלאץ וואס איז א רשות היחיד? יא? דער כותל הייסט נישט אן אייגענע רשות היחיד. ס'איז א דריטע רשות היחיד, אדער א דריטער. ס'איז יא, ס'מוז זיין א כותל, ס'מוז זיין א כותל, נישט קיין מקום פטור. דער כותל איז ווי א חצר דבי עשרה ורחב ארבעה, און ס'איז אזוויי נאך א רשות, ס'איז נישט קיין עירוב דערמיט. ס'איז אזויוי א חצר צווישן צוויי בתים ווי מ'האט נישט געמאכט קיין עירוב חצרות. נאך א רשות היחיד וואס איז נישט פארט פון די רשות היחיד, נאך איין רשות היחיד וואס האט נישט קיין עירוב מיט די אנדערע רשות היחיד, אדער מיט די אנדערע חצר.

**הלכה יז: חורבה צווישן צוויי בתים**

יעצט, די זעלבע הלכה, דאס איז בעצם פארט פון די פריערדיגע שאלה, וואס איז אויב ס'איז דא נישט א כותל נאר א חורבה? מיר האבן געלערנט א כותל, מיר האבן געלערנט א חריץ, און מיר לערנען יעצט א חורבה. **שני בתים משני צדי חורבה, רשות היחיד,** צווישן די צוויי הייזער איז דא א חורבה, קיינער וואוינט נישט דארט, און דאס איז א רשות היחיד. יא? דעמאלטס איז ווייטער די זעלבע דריי פעלער בעיסיקלי, רייט? אויב ס'איז דא איינער וואס תשמישו בנחת, איז עס זיינס. אויב ס'איז נישטא קיינער וואס תשמישו בנחת, איז עס אסור פאר ביידע ביז זיי מאכן אן עירוב צווישן זיי.

**אם יכולין שניהם להשתמש בחורבה על ידי זריקה,** דעמאלטס **אסורין זה בזה, אוסרין זה על זה,** ווייל זריקה הייסט נישט קיין תשמיש בנחת, מ'מוז ווארפן, איז ממילא זענען זיי אסור ביז זיי מאכן אן עירוב. **אם אין תשמישו לזה בנחת, והאחר אינו יכול להשתמש אלא על ידי זריקה ממנו,** דאס הייסט, קיינער קען עס נישט ניצן נאר על ידי זריקה, ווייל ס'איז דאך א חורבה, און מ'קען טראגן דארט.

**דיון: וואס מיינט "על ידי זריקה"**

פארוואס זאל מען טראגן? מ'פארשטייט נישט פונקט פארוואס קען מען נישט, פארוואס דארף מען זאגן זריקה? אה, ער פרעגט די קשיא, גוטע שאלה. יא, ס'מיינט צו זאגן מ'קען עס ניצן, נישט דוקא על ידי זריקה, פרעגט מען נישט דוקא על ידי זריקה. אזוי זאגט דער לחם משנה. נישט א באקוועמע וועג.

קיצור, אויב ס'איז דא איינער וואס ער קען עס ניצן בנחת, אבער דער אחר אינו יכול להשתמש אלא על ידי זריקה ממנו, פאר אים איז עס שווערער, ער דארף אראפגיין טיפער, ס'איז א חילוק פון דערהייט. דעמאלטס, אריין אין שלא בנחת משתמש בה על ידי זריקה, איז אזוי ווי די הלכה אז דער וואס קען ניצן בנחת, אים באלאנגט די חורבה.

אקעי, יעצט עד כאן בעיסיקלי איז די אלע הלכות פון א חצר וואס צווישן דעם איז א זאך וואס איז

**הלכה יח: גגות, קרפיפות, מבואות, ועובי הכותלים — כולן רשות אחת**

**Speaker 1:** נישט באקוועם אין וועג. אבער קיצור, אויב ס'איז דא איינער וואס זיי קענען זיצן בנחת, אבער דער אחר אינו יכול להשתמש עמו כאחד, פאר אים איז דאס שווערער, ער דארף אראפגיין טיפער, ס'איז א חילוק פון די הייט, דעמאלטס ער איז דער שלא בנחת, און בשעת משפט על הזריקה איז אזוי ווי די הלכה אז דער וואס קען ניצן בנחת, אים באלאנגט די חורבה.

אקעי. יעצט, עד כאן בעיסיקלי איז די אלע הלכות פון החוצה, וואס אינצווישן דעם איז א זאך וואס ס'צעטיילט עס, און מיר האבן געלערנט אויך וואס איז די דין פון די פלאץ וואס ס'צעטיילט, אויב ס'איז אן אופן וואס ס'צעטיילט און ס'איז נישט דא קיין עירוב ואיחוד לשניהם, ווער קען ניצן די מיטעלסטע פלאץ.

יעצט לערנט מען א נייע הלכה. איך האב נישט גערעדט וועגן די הלכה אין די הקדמה פון די פרק, אבער ס'איז באמת א גאנצע נייע הלכה כאילו, וואס ס'איז עפעס א המשך האבן זיי עס אריינגעשטעלט אין דעם פרק, אבער ס'איז א שיינע אינטערעסאנטע זאך. איך וויל טרייען צו טראכטן וואס ס'מיינט.

דאס מיינט איז, אז מיר לערנען אז א חצר, מדאורייתא אלע רשויות היחיד זענען אלע יעדע מוקף מחיצה מעג מען טראגן. די רבנן האבן געאסר'ט אין א חצר, רייט? אדער רשות היחיד לרשות היחיד, אזוי ווי מיר האבן באמערקט, ס'איז באמת נישט געזאגט אין די תורה, אבער קיימא לן אז ס'איז אסור.

איז דא אבער אופנים וואס די חכמים האבן נישט אינגאנצן געאסר'ט בעיסיקלי, דאס הייסט אפילו אן אן עירוב. דאס הייסט, ס'איז דא א מקום וואס ס'איז א מחיצה, ס'איז אפילו אין א געוויסע וועג געהערט עס פאר מער ווי איין מענטש, ואם כל זה חכמים לא אסרו אויף די גגות וקרפיפות שלא הוקפו לדירה, האבן זיי נישט געאסר'ט צו טראגן אינעווייניג. יא? ס'איז אזוי.

**כל גגות העיר, אף על פי שהן זה גבוה וזה נמוך,** דאס הייסט ס'איז נישט איין גרויסע מחיצה, ווייל איינס איז העכער און איינס איז נידריגער. **וכן כל הקרפיפות שהוקפו שלא לשם דירה, שאין מוקפין יותר מבית סאתים,** יא? א קרפף האבן מיר געלערנט, אויב ס'איז מער ווי בית סאתים ווערט עס אזוי ווי א כרמלית, אבער אויב ס'איז ווייניגער, איז עס א מקום, א גג איז אויך א פלאץ וואס איז נישט לשם דירה, מען וואוינט נישט דארט, מען ניצט עס אבער מען וואוינט נישט דארט. און די זעלבע זאך, **וכן עובי הכותלים שבין החצרות,** עובי הכותל וואס מ'האט פריער געלערנט, וואס ס'געהערט נישט פאר קיינעם.

**אם המבוי יש לו לחי או קורה,** אלעמאל, יעדע מבוי וואס האט א לחי או קורה, דאס הייסט ס'איז נישט דא די איסור דרבנן פון טלטול במבוי אן לחי או קורה, אבער ס'האט נישט קיין עירוב, **כולן רשות אחת.** די אלע הייסן, דאס הייסט רעלאטיוו איינער צו די צווייטע הייסן זיי רשות אחת'ן, **ומטלטלין בכולן בלא עירוב כלים ששבתו בתוכן.** א כלי וואס איז לכתחילה געווען דארט ערב שבת, ס'איז געווען דארט, מעג מען רוקן פון איין קרפף אדער איין גג אדער איין מבוי צו די צווייטע אן א עירוב.

אבער דאס איז דוקא כלים ששבתו בתוכן, **אבל לא כלים ששבתו בתוך הבית. לא כלים ששבתו בתוך הבית** טאר מען נישט מוציא זיין פון דארט, ווייל דאס האבן מיר געזאגט אז די גגות מיט די בתים זענען איין חצר. דאס הייסט, קיצור, אלע פלעצער וואס זענען מוקף מחיצה אבער נישט איין דירה, זענען אלע הייסן אזוי ווי איין דירה, און מ'מעג מטלטל זיין פון איינעם צו די צווייטע, אבער נאר within די ליסט פון גגין וקרפיפות.

**Speaker 2:** גגות איז יא אן עקסטערע דירה.

**Speaker 1:** ניין, גג איז אויבן פון די דאך.

**Speaker 2:** אה, אונטן?

**Speaker 1:** יא, יעצט רעדן מיר פון אויבן, אין די דאך. די דאך פון דירות, ס'איז טאקע באלאנגט, יעדע גג באלאנגט פאר די מענטש וואס וואוינט אונטן. אבער מ'נוצט עס נישט. אבער ס'איז א שטח וואס מ'האט נישט געאסר'ט, אויף דעם האט מען נישט געאסר'ט. ס'איז נישט קיין מקום וואו מ'וואוינט עקסטער, ס'איז א מקום וואס... יא.

**הלכה יט: כיצד — דוגמא פון טלטול דורך גגות וחצרות**

**Speaker 1:** **כיצד?** דער רמב"ם גיבט א דוגמא. **כיצד? כלים ששבתו בתוך החצר, בין ערבו יושבי החצר בין לא עירבו,** אפילו זיי האבן נישט געמאכט קיין עירוב, **מותר להעלותן מן החצר לגג או לראש הכותל, ומן הגג לגג אחר הסמוך לו אפילו גבוה ממנו כל שהוא, ומן הגג האחד לחצר השניה, ומן החצר השניה לגג שלישי, ומן החצר השלישית לגג שלישי, ומן הגג השלישי למבוי, ומן המבוי לגג רביעי, עד שיעבירנו כל המדינה כולה דרך גגות.**

אזוי לאנג דו גייסט נישט אריין, די פוינט איז, אזוי לאנג דו גייסט נישט אריין אין איין בית, וואס א בית דארף א עירוב. א בית אן א עירוב טאר מען נישט טראגן צו א מקום אחר, אפילו ס'איז מוקף מחיצה מיט אלעס. אבער ווילאנג דו גייסט נאר אין חצרות און מבואות און גגין און קרפיפות, וועלכע מעגסטו טראגן? נאר ווען א כלי וואס איז נישט געקומען בכלל פון א בית.

**דיון: מחלוקת ראשונים — כלי ששבת בבית מיט עירוב**

**Speaker 2:** א גמרא, יא? מ'דארף וויסן א גמרא.

**Speaker 1:** אקעי, מ'דארף נאך א שאלה, מ'דארף וויסן א גמרא, אויב ס'איז דא א עירוב צווישן יענע בית און יענע חצר. מ'דארף וויסן, פארשטייסט, אויב ס'איז דא יא א עירוב, צו דעמאלטס מעג מען פון יענע חצר נוצן רוקן צו די נעקסטע חצר.

**Speaker 2:** ס'איז געווען א פלאץ וואו ס'איז שוין געווען ראוי צו זיין אויף די חצר, ווייל ס'איז שוין די זעלבע זאך.

**Speaker 1:** נאכאמאל?

**Speaker 2:** ניין, ס'הייסט אזוי ווי ס'איז שוין געווען אויף די חצר, וואס איז שוין ראוי צו זיין אויף די חצר.

**Speaker 1:** די מפרשים דא ווייסן נישט צו דער רמב"ם מיינט צו זאגן אז אויב ס'איז יא דא א עירוב אין די חצר, מעג מען דעמאלטס רוקן פון דעם בית ביז די גאנצע שטאט אזוי לאנג ווי דו גייסט דורך א חצר. ס'איז נישט מסכים די הלכה, אזוי זאגן די אחרונים. רש"י זאגט זיכער אז מ'טאר נישט, אז דווקא טאר מען נאר טראגן די כלי וואס איז לכתחילה געווען אין א חצר. עני כלי וואס איז לכתחילה געווען אין א בית, אפילו אז מ'מעג טראגן פון יענע בית צו חצר, לאזט נישט רש"י טראגן דורך קרפיפות. ס'איז דא וואס זאגן אז לויט'ן רמב"ם מעג מען יא, אז ממילא ער קען זיין בשעת התקדש היום מעג מען מקיל זיין.

עניוועיס, דאס איז די אינטערעסאנטע הלכה, אז מ'קען ארומטראגן אין די גאנצע שטאט דורך גגות וחצרות, אדער גגות וקרפיפות, אדער חצרות וקרפיפות, או דרך שלשתן, מזה לזה ומזה לזה. בקיצור, די אלע זאכן שטערן נישט, ובלבד, אבער אין א הויז טאר מען נישט, **"ובלבד שלא יכניס מכלי זה לבית מן הבתים אלא אם כן ערבו כל אנשי המקום ההוא עירוב אחד"**. צו א בית טאר מען נישט אריין נאר מיט א עירוב, אבער אן א עירוב, חצר וקרפף, די אלע פלעצער וואס זענען נישט קיין בית. בקיצור, די גאנצע גזירות וואס מיר האבן געלערנט אז מ'טאר נישט טראגן אין א מקום מותר, איז נאר ביי באט ווען ס'הייבט זיך אן פון א בית. אויב ס'הייבט זיך אן פון א חצר, איז דאס יא מותר, מ'האט נישט געמאכט די גזירה.

**הלכה כ: כלי ששבת בבית ויצא לחצר**

**Speaker 1:** זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"וכן אם שבת הכלי בבית ויצא לחצר, לא יעבירנו לחצר אחרת"**. יא, דאס האבן מיר שוין גענזן די זעלבע זאך. דאס הייסט, אויב די כלי איז געווען אין די פלאץ וואס איז אסור ברשות, דאס הייסט שבת בבית וחצר. אויב די כלי איז שבת בבית און מ'האט עס ארויסגענומען צו א חצר, **"לא יעבירנו לחצר אחרת או לגג אחר או לראש הכותל או לקרפף, אלא אם כן ערבו כל אנשי המקום ההוא שמוציאין מכלי זה עירוב אחד"**. דאס הייסט, דאס איז בעצם די הלכה וואס מיר האבן פריער געלערנט, אפילו א פלאץ וואס איז לכאורה נאך א רשות היחיד, טאר מען נישט, נאר אויב ס'איז דא אן עירוב מיט די מענטשן וואס די כרפף באלאנגט צו.

עד כאן איז הלכות כרפיפות, די אלע פלעצער וואס מ'האט נישט גוזר געווען, האט מען מתיר געווען מיט אביסל צו... יא, געוואלדיג.

**הלכה כא: באר שבין שתי חצירות — מחיצה גבוהה עשרה טפחים**

**Speaker 1:** יעצט קען מען עס לערנען נאך אן אופן וואס מ'דארף מאכן א מחיצה, דאס הייסט אויך נוגע די דינים פון אן עירוב, אדער די משנה וועגן אן עירוב. ס'האט מען שוין געלערנט אין הלכות שבת וועגן א באר. א באר וואס איז אינדרויסן, געדענקסט מיר האבן געלערנט אז אויב ס'איז אינדרויסן, אויב ס'באלאנגט פאר איין חצר האבן מיר געלערנט, א בעצם אין הלכות שבת האבן מיר געלערנט ווען א באר וואס פאר סאם ריזן הייסט אז ס'באלאנגט נאר פאר איין חצר אדער פאר איין בית, מעג מען טראגן אויב מ'מאכט געוויסע תיקונים, א מחיצה, אדער א זז, די אלע זאכן.

יעצט לערנט מען ווען ס'איז בין שתי חצירות, ס'איז נישטא קיין ריזן צו טראכטן אז ס'געהערט נאר צו איין חצר, ווייל מדרבנן, וויבאלד די זעלבע גזירה פון עירוב טאר מען נישט טראגן. ממילא מ'דארף מאכן, מ'דארף צעטיילן די באר סאמהאו אז יעדער איינער זאל זיין פון זיין חצר, פון זיין רשות. ווייל אז נישט, דער וואס נעמט ארויס וואסער, ער האט אזוויי טראגן פון איין רשות צו די אנדערע. פון איין חצר, יא, איין חצר צו די אנדערע.

**באר שבין שתי חצירות,** א באר וואס איז צווישן צוויי חצירות, רייט? און ס'איז נישטא קיין עירוב צווישן די צוויי חצירות, לערנט מען דאך, **אין ממלאין הימנו בשבת אלא אם כן עשו לה מחיצה גבוהה עשרה טפחים,** מ'דארף מאכן אינמיטן דעם באר א מחיצה עשרה טפחים, **כדי שכל אחד ואחד עולה ומשתמש.**

אפילו די ביידע חצירות זענען אינגאנצן, די באר שבין שתי חצירות איז ליטערעלי אינמיטן די וואנט צווישן די צוויי חצירות. אבער ס'הייסט א באר, ס'איז א גאנצע איין זאך. סאו ווען דו גייסט נעמען פון די באר, נעמסטו אויך חלק פון די אנדערע זאך. הגם דו נעמסט פון דיין זייט, לאמיר זאגן, יא, אבער די וואסער איז דאך איינס איבעראל. סאו ממילא טאר מען נישט נעמען פון דעם באר נאר אויב מ'מאכט א מחיצה אינמיטן די באר.

און דאס האבן מיר געלערנט אין הלכות שבת שוין וועגן דעם מחיצה תלויה, אז עס דארף זיין א טפח עקסטערע. יא, אויב הייבט מען אויף די מחיצה, **אם עשה למעלה מן המים,** אויב ער מאכט די מחיצה העכער די וואסער, דעמאלטס דארף אט ליעסט א טפח דערפון זיך ארייננשטעקן אין די וואסער, אז עס זאל צוטיילן אין די וואסער אליין. ס'איז נישט גענוג אז עס זעט אויס ווי א מחיצה, עס דארף זיין ממש א מחיצה.

און פארקערט אויך די זעלבע זאך, אויב ער הייבט עס אויף העכער פון די וואסער, דארף זיך ארייננשטעקן א טפח אריין אין די וואסער, אראפגיין. **אם עשה מחיצה כולה בתוך המים,** אויב ער מאכט עס אינגאנצן אין די וואסער, דעמאלטס דארף זיין ניכר, מ'זאל עס זען פון דרויסן. דאס הייסט, די מחיצה דארף זיין צען טפחים, ס'קען זיין אין די וואסער, ס'קען זיין העכער פון די וואסער, אבער וויאזוי ס'איז, דארף זיך ארויסשטעקן. **אם עשה המחיצה כולה בתוך המים, צריך שני טפחים ממנה יוצאים למעלה כדי שתהיה הכר רשות לזה ורשות לזה.** דאס איז איין עצה, מ'קען מאכן א מחיצה.

**הלכה כב: קורה על פי הבאר**

**Speaker 1:** ס'איז דא נאך עצות. נאך אן עצה, מ'קען מאכן א קורה. **וכן אם עשה על פי הבאר קורה רחבה ארבעה טפחים,** אויב אויף די פי פון די באר לייגט מען א קורה וואס איז ברייט פיר טפחים, מ'דארף גארנישט קיין

מחיצה, דעמאלטס איז נאך אלץ מותר. **זה ממלא מצד הקורה וזה ממלא מצדה האחר**, די קורה איז אזוי ווי א סימן צווישן די צוויי חצרות, **וכאילו יבדיל חלק זה מחלק זה**, כאילו די קורה איז אזוי ווי א סימן. **אף על פי שהמים מעורבין למטה**, פון אונטן איז די זעלבע וואסער, **קל הוא שהקלו חכמים במים**, ביי וואסער האבן די חכמים מקיל געווען, ווייל מענטשן דארפן דאך טרינקען וואסער שבת, האבן זיי מקיל געווען אפילו מיט אזא קורה.

#### הלכה כג: באר שבתוך שביל שבין שתי כותלי חצרות

**Speaker 1:** יעצט גייען מיר לערנען אן אופן וואס מ'דארף נישט קיין שום מחיצה אדער עפעס. **באר שבתוך שביל שבין שתי כותלי חצרות**, ס'איז דא יא צוויי כתלים, אבער ס'איז נישט אינמיטן די צוויי, ס'איז דא א וועג אינצווישן, און אינצווישן איז דא א באר. איז **אפילו שאין מופלג מכותל זה ארבעה טפחים ומכותל זה ארבעה טפחים**, וואס הייסט? אין הלכות שבת האבן מיר געלערנט, אויב ס'איז נאנט ארבעה טפחים הייסט עס אז ס'באלאנגט צו יענעם, און ער קען ממלא זיין דורך א לחי מיט עפעס א היכר וואס ער מאכט דארט. אבער טאמער, אפילו ס'איז ווייטער, **שניהם ממלאין ממנו ואין צריכין היכר**, זיי דארפן נישט מאכן קיין סיזון.

#### דיון: פארוואס דארף מען נישט קיין היכר ביי שביל

**Speaker 2:** פארוואס? ס'הייסט, מ'רעדט פון צוויי, למעשה איז דא עפעס א עירוב, רייט? נישט א עירוב, ס'איז דא א מחיצה, רייט? ס'איז נישט...

**Speaker 1:** ניין, ס'איז צוויי עקסטערע חצירות. יא, אבער איך זאג אז, עהם, די שביל איז א רשות היחיד אדער וואס איז עס? ס'איז א פלאץ צווישן צוויי רשות היחיד'ס, ווייל ס'גייט נישט קיינער טראגן פון דעם.

#### חצר קטנה שנפרצה במלואה לחצר גדולה

**Speaker 1:** אבער טאמער אפילו ס'איז ווייטער, **שניהם מעלין ממנו, ואין צריכין להוציא זיזין על גביו**. זיי דארפן נישט מאכן קיין זיזין. פארוואס? ווייל דו רעדסט דא פון צוויי... למעשה, ס'איז דא עפעס א עירוב, רייט? נישט א עירוב, ס'איז דא א מחיצה, רייט? ס'איז צוויי עקסטערע חצירות.

**Speaker 2:** יא, אבער איך זאג אז... דער שביל איז א רשות היחיד, אדער וואס איז עס?

**Speaker 1:** ס'איז א פלאץ צווישן צוויי רשות היחיד'ס, ווייל דו גייסט נישט קענען טראגן פון דארטן, ווייל זיי זענען צוויי עקסטערע חצירות. דער פראבלעם איז נאר די עירוב, דאס זאג איך, רייט? ס'איז נישט די פראבלעם פון אן עכטע הלכות שבת. ס'איז נאר א פראבלעם... דו רעדסט פון א... ס'איז דא א מחיצה אין דעם שביל. ס'קען זיין אז ס'איז א רשות היחיד, אבער ס'איז פון איין רשות היחיד צו די אנדערע. די פוינט איז נאר די עירוב. **שנייהם מעלין, ואין צריכין להוציא זיזין על גביו**. זיי דארפן נישט מאכן קיין זיזין, וואס זיי וואלטן געדארפט ווען ס'איז א רשות הכרמלית אדער עפעס אזוי. פארוואס? **שהן אוסרין זה על זה דרך אויר**. וויבאלד זיי נוצן נישט דעם שביל נאר פון די לופט, יעדער איינער שטעקט ארויס זיין עמער פון זיין פענסטער און שעפט פון די באר, דאס הייסט נישט אז זיי ביידע נוצן עס. ס'הייסט דרך אויר נוצן זיי עס. ממילא אסר'ט עס זיי נישט. אוסר על חבירו מיינט מען די עירוב פון היינט. א עירוב איז נאר ווען ביידע נוצן די קרקע השטח, די קרקע הרשות. אויב זיי נוצן נאר די לופט, שטערט עס נישט, און ממילא דארף מען נישט גארנישט טון.

**Speaker 2:** יא?

**Speaker 1:** יא.

#### מעבר לקעיסעס פון נפרצה ונפל הכותל

**Speaker 1:** אקעי. יעצט גייט מען רעדן אלע מיני קעיסעס וואס ס'האט זיך צובראכן עפעס, און מ'דארף וויסן וואס צו טון. ס'האט זיך צובראכן דאס וואס שיידט אפ צווישן די צוויי חצירות.

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** אדער אין שבת, אדער ערב שבת, וואס דארף מען לערנען.

**Speaker 2:** יא גוט.

#### הלכה כד: חצר קטנה שנפרצה לגדולה מערב שבת

**Speaker 1:** **חצר קטנה שנפרצה במלואה לחצר גדולה**, מבטלין. א קליינע חצר וואס... וויאזוי הייסט עס? ס'איז געווען... לעבן א גרויסע חצר, נישט א חצר וואס איז געווען צוזאמען, אן עקסטערע חצר. ס'איז געווען א וואנט צווישן זיי, און די וואנט האט זיך צובראכן, און יעצט איז די קליינע חצר אינגאנצן עקספאזד.

**Speaker 2:** יא.

**Speaker 1:** די קליינע האט זיך קאנעקטעד... יעצט איז די קליינע אינגאנצן אפן צו די גרויסע. **מערבין לעצמן עם תורת**. אנשי גדולה קענען מאכן אליינס א עירוב פאר זיך. דאס הייסט, דאס איז ערב שבת שוין געווען די טראגעדיע, ס'האט זיך צובראכן די וואנט. איז די אנשי גדולה האבן נאך אלץ זייער אייגענע רשות, זיי האבן נישט קיין פסין מכאן ומכאן. דאס הייסט, זיי זענען דאך גרעסער. סאו פון זייער זייט איז דאך דא ווענט. פון זייער פוינט אוו וויו איז דא ווענט. רייט. א גאנץ גרויסע פתח.

**Speaker 2:** אפילו ס'איז מער ווי צען אמות, איז עס נישט קיין פירצה?

**Speaker 1:** ווייס איך נישט. סתם א שטאר איז דאך ווי א ציר. מ'פרעגט אז די זאכן פון צען אמות... פסין, ווי האב איך דא פסין? פסין איז נישט גענוג. פסין, דא וואלט געדארפט זיין די דינים פון א פירצה, ניין?

**Speaker 2:** אה, ער זאגט דאך אז דאס רעדט זיך אז די פירצה איז טאקע וויניגער ווי צען אמות.

**Speaker 1:** אה, אקעי, לאמיר זאגן. איז, אבער **די אנשי קטנה טארן נישט, אסורין להוציא ולטלטל לחצר שלהן עד שיערבו בני גדולה**. זיי קענען זיכער מאכן א עירוב, וואס איך האב דא א פירצה?

#### דיסקוסיע: פארוואס קענען די קטנה נישט מאכן א עירוב אליין?

**Speaker 2:** פארוואס? פארוואס קענען זיי זיך נישט סומך זיין אויף די עירוב פון די גדולה? דו זאגסט דאך אז די גדולה, אז זיי זענען כביכול געווארן בטל צו די גדולה, פארוואס דארפן זיי מאכן א עירוב, מאכן איין עירוב? איך כאפ נישט.

**Speaker 1:** שטייט **די דינים של גדולה חשובין בקטנה, ואלו דירי קטנה חשובין בגדולה**. דאס הייסט, די אנשי גדולה מעגן אפילו טראגן אין די קטנה?

**Speaker 2:** פארוואס קען נישט... ס'איז טאקע אזוי, די קטנה קען זיך נאר פארלאזן אויף די גדולה, ווייל ער האט נישט קיין וואנט בכלל. ער האט נישט קיין וועג צו מעגן טראגן איז מיט'ן טראגן מיט די גרויסע.

**Speaker 1:** ער זאגט פשוט אז די גדולה קען מאכן א עירוב לעצמו. די פוינט איז אז די גדולה קען מאכן א עירוב, ווייל ער האט נאך אלץ זיינע פסין, און ממילא סוף כל סוף וואוינט ער אויך אין די קטנה, ווייל די קטנה איז יעצט אפן פאר אים. אבער ער גייט נישט מעגן טראגן דארט, ווייל ער האט נאר געמאכט א עירוב אין זיין חצר.

פארשטייסט? איך דארף פארשטיין וואס פעלט אויס **די דינים של גדולה חשובין בקטנה**. איך זע נישט אז ס'טוט עפעס אויף. וואס געבט עס מיר צו? פארשטייסט די פראבלעם?

**Speaker 2:** ס'איז ווייל זיי קענען מאכן א עירוב.

**Speaker 1:** איך פארשטיי, אבער פאר דעם איז גענוג צו זאגן וואס ער זאגט. ער לייגט דא צוויי טעמים: איינס, ווייל ער האט פתח; צווייטנס, ווייל די דירה של גדולה חשובה בקטנה. דאס הייסט, כולי, די גדולה, די קטנה ווערט בטל פאר די גדולה. די גרויסע וואוינט אויך אין די קליינע, ממילא ער ווערט דער בעל הבית. אבער די דירה של קטנה איז נישט חשוב בגדולה, ממילא זיי קענען נישט. וואס? ממילא וואס? עפעס איז מיר נאך מיסינג.

**Speaker 2:** די קטנה קען נישט מאכן א עירוב לעצמו מיט איר, ווייל ווי גייט ער טראגן? ער האט נישט קיין וואנט צווישן זיינס און די... ער גייט נישט קענען טראגן אין זיין שטח וואס איז אפן צו די גדולה, ווייל ס'איז נישטא קיין וואנט צווישן זיי.

**Speaker 1:** די גדולה האט די אפשן... די חצר הגדולה האט א רעכט צו וואוינען, זיי האבן א חשיבות ווי די דיורים אין די קטנה וואס איז אפן צו די קטנה, און זיי האבן וועגט. ממילא האבן זיי די אפשן אדער פון מערב זיין לעצמן... אה, זיי דארפן מערב זיין לעצמן. זיי מוזן מערב זיין לעצמן. רייט.

דאס הייסט, ס'איז דא א איסור מדרבנן. אן מערב זיין לעצמן, וואס גייט געשען? גייען זיי נישט טארן טראגן סתם ביי זיך, ווייל... אבער זיי זאלן נישט טארן טראגן אפילו אויב זיי שפארן דעם אפ?

**Speaker 2:** יא, אוודאי. ווען זיי וואלטן געווען עומד ומערב לעצמן.

**Speaker 1:** יא, אוודאי. אבער ער איז נישט מערב מיט די קטנה.

**Speaker 2:** ער מוז נישט מערב זיין מיט די קטנה.

**Speaker 1:** אה, ער קען. די פוינט איז, זאגער, איך פארשטיי נישט די רמב"ם'ס טעמים. די הלכה פארשטיי איך. כולי, די הלכה איז קלאר אז ס'איז דא א איסור מדרבנן. די גדולה קען מאכן אליינס, און ער קען מאכן מיט די קטנה. די קטנה האט נישט קיין אפשן צו מאכן אליינס, ער מוז מאכן מיט די גרויסע. ער קען נישט מאכן זיין אייגענע.

די לשון איז אביסל שווער, ווייל די ווארט איז וועגן די בוי פון די וואנט, איך פארשטיי נישט ווי שטייט די חשיבות דא. נאר אלע אנדערע מפרשים איז אויך שווער געווען דאס, אזוי אז מ'קען גיין ווייטער. צרת רבים חצי נחמה, נחמת שוטים. וואס איז די מחלוקת הגאונים? אז צרת רבים, מ'פארשטייט נישט די טעם פון די רמב"ם וואס ער זאגט. אקעי.

#### הסבר נוסף: די גדולה נוצט די מחיצה פון די קטנה

**Speaker 2:** קיצור, דו ווילסט זאגן אז ס'איז נישט נאר אז... נישט אזוי ווי מיר האבן פריער געזאגט, פון א פרצה וואס איז פחות מעשר, און ממילא הייסט עס נאר א פרצה. אפשר די גדולה נוצט בעצם די מחיצה פון די קטנה, אבער ס'שטערט נישט. א שטייגער זיי זאגן זיי קענען מאכן אליינס א עירוב בהסתמך אז זיי זענען סומך אויף די מחיצה פון די חצר קטנה. פארוואס? ווייל זיי זענען די גרויסע. משא"כ אין די קליינע קענען זיי נישט.

**Speaker 1:** דו מיינסט די אנדערע זייט די מחיצה פון... די אנדערע מחיצה, נישט די וואס איז געווארן נפרץ.

**Speaker 2:** רייט, ווייל א נישט זייער מחיצה איז דאך נפרץ.

**Speaker 1:** אה... אבער ער וואוינט דארט, כאילו זיי זענען אים מבטל. אבער ס'שטערט נישט. ווייל ער וואוינט, כאילו ער וואוינט אין די קטנה. ס'הייסט נישט אז די קטנה וואוינט מיט אים. ער וואוינט מיט זיי, און זיי וואוינען נישט מיט אים. ער איז נישט דא, ער עקזיסט נישט. אזוי זאגט ער, ער וואוינט מיט זיינע מענטשן, נישט מיט אים. מ'קענסלט אים. זיי זענען אים קענסלט, זיי זענען אים בטל.

### הלכה כה: הותרה מקצת שבת הותרה כולה

#### נסתם הפתח או החלון בשבת

**Speaker 1:** אקעי, איז עד כאן האבן מיר געלערנט ווען ס'איז נפרץ געווארן פון ערב שבת, איז די הלכה טוישט זיך. אבער ס'איז דא א חידוש פון די קטנה און די גדולה. יעצט גייען מיר לערנען וואס געשעט אז ס'האט זיך געטוישט אין שבת די מציאות. רייט?

רעדט ער פון צווי חצרות וואס האבן געמאכט א עירוב יחד דורך א פתח שמונה. זיי האבן גענוצט די היתר פון א פתח אדער דורך א חלון. **ונסתם הפתח או החלון בשבת.** אין שבת איז געקומען א... ווייל ס'איז געווען א ווינט, ס'האט אריינגעווארפן עפעס אין די חלון, יעצט איז די חלון פארשטאפט.

**Speaker 2:** יא?

**Speaker 1:** יא. איז זיי האבן נאר... דא איז דא א שאלה, זיי האבן נאר געהאט א עירוב צוזאמען. יעצט זענען זיי מער נישט צוזאמען, סאו קיינער פון זיי האט נישט קיין עירוב לכאורה, רייט? ניין. זאגט ער א חידוש אזוי, **כל אחת מותרת לעצמה.** יעדער איינער... ווייל דאך די חלון קענען זיי נישט, ווייל ס'איז נישטא קיין חלון. אבער יעדער פאר זיך בלייבט מותר. **הואיל והותרה מקצת השבת הותרה כולה.** אזא הלכה, אז א עירוב איז גענוג, הותרה מקצת השבת הותרה כולה. מ'זאגט נישט אז אינמיטן שבת איז זיך געווארן צווי חצרות און איר האט נישט קיין עירוב, אריינגערוקט אין מיטן שבת, טראגט נישט. ער איז שוין געווארן איין פארט, ער איז געווארן איין יוד.

#### נפל הכותל שביניהן בשבת

**Speaker 1:** די זעלבע זאך איז פארקערט, זיי האבן מסתמא געמאכט א עירוב, זיי האבן געמאכט א עירוב זו לעצמו וזו לעצמו. זיי האבן געמאכט, נישט גענוצט א פתח, ס'איז געווען א כותל, אבער אינמיטן **נפל הכותל שביניהן בשבת.**

**Speaker 2:** יא?

**Speaker 1:** סא יעצט דארפן זיי מאכן איין מחיצה, ס'איז אזא קעיס אן קיין כותל, מוז מען מאכן איין עירוב, סארי. נאך אלץ, **אלו מטלטלין לעצמן ואלו מטלטלין לעצמן עד עיקר המחיצה.** ס'איז זייער אינטערעסאנט, ס'איז ווירטשועל, ס'איז נישטא קיין מחיצה מער, מעג ער טראגן וואו די מחיצה איז געווען, **ואלו מטלטלין עד עיקר המחיצה,** די זעלבע זאך. פארוואס? **הואיל והותרה מקצת שבת הותרה כולה. ואפילו נתוסף עליהן,** ס'הייסט ס'איז געקומען נייע, די אנדערע חצר איז יעצט אריינגעקומען וואוינען שבת, דארף מען לכאורה מאכן אן עירוב מיט זיי, שטערט נישט, **שהדיירין הבאין בשבת אינן אוסרין.** דא שטייט נאך אזויווי א שטיקל טעם, נישט נאר הותרה מקצתה הותרה כולה, נאר די דיירין וואס קומען שבת, ס'הייסט, פאר די פריערדיגע קעיס איז נישט שייך, ס'איז געווארן סעפערעט שבת. אבער דא, כאילו, לאמיר זאגן, ס'קומען נייע מענטשן שבת, שטערט נישט, נייע מענטשן וואס קומען שבת שטערן נישט, מאכן נישט אויס די עירוב.

#### הלכה כו: נפתח החלון בשוגג או ע"י גוי

**Speaker 1:** יעצט, וואס איז פארקערט? ס'הייסט, וואס איז, סארי, ס'האט זיך פארמאכט, גייט ער צוריק צו די פריערדיגע קעיס, ס'איז געווען א חלון, זיי האבן געמאכט א עירוב דורך א חלון אדער א פתח, ס'האט זיך פארמאכט, מעגן זיי טראגן יעדער עקסטער, אבער זיי מעגן נישט טראגן צווישן. וואס איז טאמער **נפתח החלון ונעשה פתח בשוגג? או שעשאו גוי מדעתן,** גויים על דעת הגוים, דארף מען זאגן על דעתן, ווייל דו דארפסט די יודן לכאורה איז אסור, ווייל ס'איז דא אן עובדא דמעשה שבת, ווייל פון מעשה גוי, א גוי האט געטון פאר א מלאכה פאר א יוד בשבת. אבער די גוי האט עס געטון על דעת, אדער בשוגג, **חזר לטלטל,** אז מען מעג אפילו אינצווישן די חלון טראגן.

#### הלכה כז: שתי ספינות

**Speaker 1:** וכן די זעלבע זאך, מ'דארף נאך די קעיס, **שתי ספינות או שתי חצרות זו בצד זו וערבו,** און ספינות איז די זעלבע הלכה, זיי האבן נאך נישט געזען די הלכה, אבער צווי שיפן וואס זענען צוגעבינדן איינס צום צווייטן, איז עס פונקט ווי צווי חצרות, קען מען מאכן איין עירוב. אבער נאכדעם **ונפסקו, אסור לטלטל מזו לזו, אפילו הוקף מחיצה,** אפילו ס'איז דא איין מחיצה צווישן די צווי ספינות, אבער ווייל די ספינות זענען צווי עקסטערע רשות היחיד'ס. רייט? ס'הייסט, דאס זענען דריי קעיסעס וואס מיר האבן נאך נישט געלערנט בעצם ביז יעצט. מ'דארף זאגן אזוי, עד הלכות ספינות, ספינות זענען צווי חצרות, לאמיר זאגן, איז וויאזוי קען מען זיי מאכן איין עירוב אויב זיי זענען צוגעבינדן? אויב איז די זעלבע הלכה זיין, אויב ס'איז געווארן אפגעהאקט מעגן זיי נישט, אבער יעדע איינס עקסטער מעג. **חוזר ונכשר בשוגג, חוזר ונתר,** מעגן זיי טראגן אפילו איינס פון די פארטערע.

**דין ספינות שקשורות זו בזו**

**רייט?** דאס הייסט, דאס איז א דריי קעיסעס האבן מיר נאך נישט געלערנט בעצם ביז יעצט, מ'דארף זאגן אזוי, הלכות ספינות.

ספינות זענען צוויי חצרות לאמיר זאגן, איז ווי אזוי קען מען זיי מאכן איין עירוב? אויב זיי זענען צו געבינדן. אויב זיי זענען, ס'איז די זעלבע הלכה זאגן מיר, אויב ס'איז געווארן אפגעהאקט מעגן זיי נישט, אבער יעדער איינער עקסטער מעג. חצר שאינה קשורה בשניה, חצר מותרת, מעגן זיי טראגן אפילו איינער פאר די צווייטע.

**קשיא: פארוואס דערמאנט דער רמב"ם ספינות דווקא ביי נפסק?**

איך פארשטיי נישט סתם פארוואס ער האט זיך דערמאנט צו זאגן די ספינות נאר ביי די שאלה פון נפסק, ער קען זאגן נאך א טריליאן הלכות פון די ספינה, אז ס'דארף זיין נקשרת. בוט עניוועיס, עד כאן, ס'איז דא אויף דעם, יא, דאס איז די נושא.

**סיום**

שוין, עד כאן הלכות פרק ג', הלכות עירוב פרק ג'.

Generated by Shiur Upload Automation